WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

www.labor.ny.gov

אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן

**אנווייזונגען פאר געשריבענע מעלדונג פון באצאלונג ראטעס און געווענליכע באצאלונג-טאג**

אנגעהויבן אפריל 9, 2011 אפטיילונג 195.1 פון די לעיבאר געזעץ, פארלאנגט פון אלע ארבעטסגעבער, נישט אריינגערעכנט רעגירונג'ס אגענטורן, צו געבן פאר ארבעטער בשעת'ן אויפנעמען (בעפאר ארבעט ווערט אנגעהויבן) א מעלדונג פון די פאלגענדע:

1. די ארבעטער'ס ראטע אדער ראטעס פון באצאלונג
2. די אווערטיים ראטע פון באצאלונג, אויב דער ארבעטער שטייט אויס צו ארבעטן לענגער ווי די רעגולאציעס
3. די סדר פון געהאלט באצאלונג (פער שעה, פער שיפט, פער וואך, טייל ראטע, קאמישען, א.א.וו.)
4. סיי וועלכע אפמאכן וואס דער ארבעטסגעבער פלאנירט צו רעכענען אלס דער מינימום געהאלט אריינגערעכנט טיפ, עסנס, און אויפהאלטונג
5. די געווענליכע באצאלונג-טאג
6. די ארבעטסגעבערס נאמען און סיי וועלכע נאמען מיט וואס דער ארבעטסגעבער טוט ביזנעס (DBA)
7. די פיזישע אדרעס פון די ארבעטסגעבערס הויפט אפיס אדער הויפט ארט פון ביזנעס, און אויב אנדערש, די ארבעטסגעבערס מעילינג אדערס
8. די ארבעטסגעבער טעלעפאן נומער
9. ***אנגעהויבן 10/01/2020 -*** די בענעפיט פארציע פון די מינימום ראטע פון היים קעיר געהילפן פולע קאמפענסעישען ווי ערקלערט אין אפטיילונג זעקס אין דרייסיג הונדערט פערצן-c פון די פובליק העלט געזעץ ("היים קעיר געהילפן בענעפיטן", אויב שייך, פריוועילינג געהאלט סופלעמענטס, אויב סיי וועלכע, גערעכנט אלס א טייל פון סיי וועלכע פריוועילינג געהאלט אדער ענליכע פארלאנגען.

די ארבעטסגעבער מוזן צושטעלן די מעלדונג אין ענגליש און אין דער ארבעטער'ס הויפט שפראך.

**ארבעטער אנעקענונג**

די ארבעטסגעבער מוז זיכער מאכן אז דער ארבעטער שרייבט אונטער א סטעיטמענט ווי זיי באשטעטיגן די ערהאלטונג פון די געשריבענע מעלדונג אין ענגליש און אין דער ארבעטער'ס הויפט שפראך. די ארבעטער מוזן אויך אנערקענען אז זיי האבן ריכטיג אידענטיפיצירט זייער הויפט שפראך מיט זייער ארבעטסגעבער. די ארבעטסגעבער מוז האלטן די אונטערגעשריבענע מעלדונג מיטן דאטום און אנערקענונג פאר זעקס יאר און צושטעלן א קאפיע פאר די ארבעטער.

**מעלדונג און אנערקענונג טאמפלעטן**

דער דעפארטמענט אוו לעיבאר (DOL) האט צוגעגרייט טאמפלעטן פאר עטליכע באקאנטע סארטן פון צאלונג אפמאכן, אריינגערעכנט צווי שפראכיגע ווערסיעס אין כינעזיש, העישען-קרעאל, קארעאניש, פויליש, רוסיש און שפאניש. אן ארבעטער אנערקענונג פון ערהאלטונג אפטיילונג איז אריינגערעכנט אין די טאמפלעטן צוגעגרייט דורך די דעפארטמענט. טאמפלעטן זענען דא צו באקומען אויף די דעפארטמענט'ס וועבסייט ביי אויף www.labor.ny.gov אדער אין א הארטע קאפיע.

אויב דער דעפארטמענט אוו לעיבאר מאכט נישט קיין טאמפלעטן אין א געוויסע שפראך, קען דער ארבעטסגעבער צושטעלן מעלדונגען פאר דער ארבעטער נאר אין ענגליש.

ארבעטסגעבער וועלן נישט באשטראפט ווערן פאר טעותים געשאפן אין די צוגעגרייטע טאמפלעטן ארויסגעגעבן דורך די DOL.

די דעפארטמענט רעזעווירט די רעכטן צו פארלאנגען די באנוץ פון DOL פארמס אין די צוקונפט, אויב די ארבעטסגעבער קומען נישט נאך די פארלאנגען.

זעט LS 53 אנווייזונגען: טאמפלעטן פאר מעלדונג פון צאלונג ראטעס, באצאלונג-טעג און ארבעטער באשטעטיגונג אונטער אפטיילונג 195.1 פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ צו געפינען א טאמפלעט וואס קען מעגליך זיין פאסיג פאר אייער ספעציעלע צאלונג אפמאך.

**אווערטיים ראטע**

רוב ארבעטער מוזן באקומען באצאלט אווערטיים 1½ מאל פון זייער געווענטליכע ראטע פון באצאלונג פאר אלע שטונדן געארבעט מער ווי 40 אין אן ארבעטסוואך. אין געוויסע ערטער וואס זענען עקזעמפט פון אווערטיים אונטער די פעדעראלע פעיר לעיבאר סטאנדארטן אקט, פארלאנגט ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ אז די ארבעטער ווערן באצאלט אמוויינגסטנס 1½ מאל די מינימום שעה געהאלט ראטע פאר זייער אווערטיים שעות. געוויסע פלעצער זענען עקזעמפט פון די אווערטיים באצאלונג פראוויזיעס פון סיי די סטעיט און סיי פעדעראלע געזעץ. ווי פון 1/1/2020, מוזן אגריקולטור ארבעטסגעבער באצאלן 1½ מאל דעם געווענליכן ראטע פון באצאלן פאר אלע שעה'ן געארבעט מער פון 60 דורכאויס א קאלענדאר וואך.

**רוה טאג אווערטיים**

אגריקולטור ארבעטסגעבער מוזן באצאלן 1½ מאל דעם געווענליכן ראטע פון באצאלונג פאר אלע שעה'ן געארבעט דורכאויס א רוה טאג. ארבעטסגעבער פון דאמעסטישע ארבעטער מוזן באצאלן 1½ מאל דעם געווענליכן ראטע פון באצאלונג פאר אלע שעה'ן געארבעט דורכאויס א רוה טאג.

**עקזעמפט ארבעטער**

די מעלדונג פון עקזעמפט ארבעטער קענען ארויסשרייבן די ספעציפישע עקזעפשענס וואס זענען שייך.

**באצאלונג טאג**

די געווענליכע באצאלונג טאג מוז זיין אמווינגסטנס וועכנטליך פאר געווענליכע ארבעטער, אמוויניגסטנס צוויי מאל א מאנאט פאר אפיס ארבעטער און אנדערע ארבעטער, און אמוויניגסטנס איינמאל א מאנאט פאר קאמישענד סעילס ארבעטער.

**אנדערע מעלדונג פאדערונגען**

פאר די פאלגענדע סארט ארבעטסגעבער איז דא אין צוגאב נאך מעלדונגען פראוויזיעס פארלאנגט דורך די לעיבאר געזעץ און אדער רעגולאציעס. ביטע זעט די צוגעצייכנטע אפטיילונגען דא אונטן פאר מער אינפארמאציע.

- קאמישענד סעילס ארבעטער (191.1c)
- פארם ארבעטער (190-6.1)
- האספיטאליטי אינדוסטרי ארבעטער (146-2.2)
- היים קעיר געהילפן (195)
- פריוועילינג געהאלט ארבעטער (195 & 220)

**צייטוויייליגע הילף פירמעס**

דער דעפארטמענט האט אהערגעשטעלט א מעלדונג פארם און עקסטערע אנווייזונגען פארן באנוץ מיט צייטוויייליגע הילף פירמעס (LS 50). עס איז דא צו באקומען אויף די דעפארטמענט'ס וועבסייט אדער אין אן הארטע קאפיע. די באנוץ פון די גיידליינס און פארעמס זענען שטארק באגרעניצט נאר פאר ארבעטסגעבער וואס קומען נאך די טערמין"צייטוויייליגע הילף פירמעס" פון אפטיילונג 916.5 פון די לעיבאר געזעץ.

פאר מער אינפארמאציע אדער פאר הילף, ביטע פארבינדט אייך מיט די NYS דעפארטמענט פון לעיבאר, אפטיילונג פון ארבעט סטאנדארטן אפיס וואס איז די נאנסטע צו אייך אדער באזוכט אונזער וועבסייט ביי www.labor.ny.gov

**אלבאני דיסטריקט**
State Office Campus
Bldg. 12, Room 185A
Albany, NY 12226
0(518) 457-273

**באפעלא דיסטריקט**
290 Main Street
Room 226
Buffalo, NY 14202
(716) 847-7141

**ניו יארק סיטי דיסטריקט**
55 Hanson Place
11th Floor
Brooklyn, NY 11217
(212) 775-3880

**גארדען סיטי דיסטריקט**
400 Oak Street
Suite 102
Garden City, NY 11530
(516) 794-8195

**ראטשעסטער דיסטריקט**
276 Waring Road
Room 104
Rochester, NY 14609
(585) 258-4550

**סייראקוז דיסטריקט**
333 East Washington St.
Room 121
Syracuse, NY 13202
(315) 428-4057

**ווייט פלעינס דיסטריקט**
120 Bloomingdale Road
White Plains, NY 10605
(914) 997-9521

**בראנקס דיסטריקט**
55 Hanson Place
11th Floor
Brooklyn, NY 11217
(212) 775-3719